# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת קורח תשפ"ד שנה י | גליון מס' 540

בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## יעקב אבינו פועל'ט א לייכטערע עונש פאר קרח

**"וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן"** (טז א)

ווען די תורה הק' רעכענט אויס די יחוס פון קרח ווערט נישט דערמאנט די נאמען פון יעקב אבינו. רש"י אויפ'ן ארט ברענגט אראפ בשם דער מדרש תנחומא א טעם דערצו. ער שרייבט אז יעקב אבינו האט געבעטן רחמים אז זיין נאמען זאל נישט דערמאנט ווערן ביי די פרשה פון קרח. די בקשה פון יעקב אבינו איז מרומז אין די ווערטער פון ויחי (בראשית מט ו): 'בִּקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבֹדִי'".

אויבנאויף איז שווער וואס האט יעקב אבינו געוואלט פארדינען מיט דעם אז מען האט נישט דערמאנט זיין נאמען? יעדער אייינער ווייסט דאך אז קרח איז געווען אן אייניקל פון יעקב אבינו.

נאר האט **דער סלוצקער רב רבי יוסף פיימער** געגעבן צו פארשטיין:

עס קען זיין אז מיט'ן אויסלאזן דער נאמען האט יעקב אבינו נישט געוואלט באהאלטן דער פאקט אז קרח איז זיינער אן אייניקל. זיין כוונה איז געווען מעורר צו זיין רחמים אויף אים אז מען זאל פארלייכטערן זיין עונש, ווייל עס איז אינו דומה די עונש פון אייינער וואס איז אן אייניקל פון יעקב אבינו צו די אייניקל פון א פשוטער איד און צו פארמיידן אז זיין עונש זאל נישט זיין אזוי הארב האט יעקב אבינו געבעטן אז זיין נאמען זאל נישט דערמאנט ווערן.

'דרשות רבנו יוסף מסלוצק'

## "כל העולם כולו" – כולו ולא רובו

**"וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'"** (טז ג)

אין די תפילה פון ראש השנה בעט מען: "מלוך על כל העולם כולו בכבודך". לכאורה איז דער לשון אביסל געדאפלט. עס שטייט 'כל העולם' פארוואס דארף עקסטער ארויסשטיין 'כולו'.

דער טורי זהב (או"ח תקפב ג) פרעגט די קשיא און געט צו פארשטיין אז דא ליגט א דערהער. נארמאל ווייסן מיר אז עס איז דא אזא זאך ווי 'רובו ככולו' ווילן מיר אבער אז דא זאל נישט זיין 'רובו ככולו' נאר 'כולו' זאל מיינען 'כולו' אז אין די גאנצע וועלט זאל שיינען די אור פון הקב"ה.

מיט די ווערטער געט דער גאון רבי **רבי שאול אמסטערדאמער זצ"ל** צו פארשטיין די ווערטער פון רש"י:

די טענה פון קרח "כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים" שמועסט רש"י אויס (ע"פ תנחומא ד) "כולם שמעו דברים בסיני מפי הגבורה" - אז קרח האט גע'טענה'ט אז אלע האבן געהערט די טענה מפי הגבורה.

לכאורה איז שווער אז רש"י וואלט דאך געקענט אויסטייטשן די זעלבע זאך אז קרח האט גע'טענה'ט אז די גאנצע עדה פירט זיך בקדושה לויט די ציווי וואס עס ווערט געברענגט אין פרשת קדושים (ויקרא יט ב): "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי"?

נאר פון דעם אז דער פסוק חזר'ט איבער און זאגט "**כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים**",קומט אויס אז עס איז נישט געווען אין די גאנצע געמיינדע אייינער וואס איז נישט געווען הייליג און פאר רש"י איז שווער געווען פון וואו האט די עדת קרח דאס געוואוסט? נאר עס מוז זיין אז זיי האבן עס תולה געווען אז אלע האבן געהערט די "דברים בסיני מפי הגבורה", און אויף דעם זענען אלע געווען שותפים.

'בנין אריאל'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## דער "הבו גודל" ווען מען ענטפערט אמן

די גרויסקייט פון אמן קען מען לערנען אין די מאמר חז"ל איבער עניית אמן. צוויי מאל אין ש"ס ווערט אראפגעברענגט די מאמר פון רבי יוסי איבער די גרויסקייט פון אמן. אייינמאל איז עס אין מסכת ברכות (נג ב) און די צווייטע מאל אין במסכת נזיר (סו ב). איןביידע פעלער זאגט די גמרא: " גדול העונה אמן יותר מן המברך".

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון חז"ל וועט מען זען א מורא'דיגע זאך. מיר ווייסן דאך אז א ברכה האט אין זיך א מורא'דיגע כח. עס איז אזוי גרויס אז ווען עס האט געבוזשעוועט א מגיפה ביי כלל ישראל האט דוד המלך נישט געהאט קיין אנדערע אויסוועג אפצושטעלן די מגיפה ווי מתקן זיין צו מאכן ברכות, ווייל נאר דורך איר קען מען ניצול ווערן פון אלע צרות אין די וועלט, אבער מיט דעם אלעם איז דא עפעס וואס איז גרעסער פון איר און דאס איז דער 'אמן' אז חז"ל האבן געזאגט אויף איר אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך.

דער מאמר חז"ל דעקט אויף די גרויסקייט פון דער אמן אבער אז מען קוקט אריין אין פסוק זעט מען אז דארט איז שוין מרומז די גרויסקייט און אז דער אמן איז גרעסער פון די ברכה. די ברכה לערנען חז"ל ארויס פון דער פסוק (דְּבָרִים ח י): "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ" און ווי רש"י איז מפרש אויפ'ן ארט (ברכות כא א ד"ה כי) אז אזוי האט משה רבינו געזאגט פאר'ן כלל ישראל: "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא" - ווען איך וועל מאכן א ברכה אויף די תורה וועט איר מקיים זיין דער "הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ" - אז איר וועט נאכזאגן אמן נאך איר.

דא זעט מען א שטארקער זאך. אין די צייט וואס די ברכה אליינס ווערט אראפגעלייגט ווי די קריאה ווי עס שטייט - "כי שם ה' אקרא" איז דער אמן די גדולה ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק "הבו גדל לאלקינו".

עס קען זיין אז עס גייט נאך ווייטער פון דעם. אין דער פסוק איז מרומז אז נישט נאר איז דער 'עונה' גרעסער ווי דער 'מברך' נאר אז דער ציל פון די ברכה איז גאר די אמן וואס קומט צוגיין נאך די ברכה. די געדאנק קען מען מדייק זיין אין פסוק. דער פסוק הייבט זיך אן"כי שם ה' אקרא" און וואס איז דער ציל פון דעם איז אז מען זאל צוקומען צו דעם "כי שם ה' אקרא" אז די שומעים זאלן געבן כבוד און גדולה לאלקינו דורכ'ן ענטפערן אמן.

די נקודה לאמיר גוט אייינבאקן אין אונזערע הערצער. פון דעם וועלן מיר ארויסלערנען די גרויסקייט פון דער 'אמן' אז אפילו זי איז אזוי פיצעל און קליינלעך וועלן מיר זיך צופלייסן מיט איר און גלייבן אין איר און עס נאכלויפן ווי מער מען קען און אזוי ארום וועלן מיר זוכה זיין צו די טובה בזה ובבא.

**מיט א קריאה פון "הבו גדל לאלקינו"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — דער גוי'אישער מיליאנער פון סינגאפור ענטפערט אמן —

צווישן די חשובע אידישע משפחות וועלכע זענען באקאנט אוועלטליך אלץ איינס פון די גרויסע פילאנטראפישע משפחות ציילט זיך די 'וואלפסאן' משפחה.

זייער ברייטהארציגקייט און תורה'דיגע פראיעקטן וועלכע ווערט אונטערגענומען איז ברייט באקאנט אין די אידישע וועלט.

זייענדיג א פאמיליע וואס פירט אן מיט גרויסע פינאנציאלע געשעפטן האבן זיי געשעפטן לענגאויס די וועלט און איינס אזא דילל האבן זיי געהאט אין די ווייטע סינגאפור.

א קליין לענדל איז סינגאפור אבער טראץ איר קליינקייט איז זי א גרויסמאכט ווען עס קומט צו פינאנציאלע געשעפטן. פון איבעראל קומט מען צופארן צו איר מאכן געשעפטן. אויך דער בארימטער וואלפסאן משפחה האט זיך געגרייט אויף א רייזע אהין און עס איז געווארן פארגעשלאגן אז איינער פון די משפחה מיטגלידער ר' משה וואלפסאן וועט אהינפארן און זיין דער פארשטייער פון די משפחה אין געשעפטן.

נאך איידער מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג האט מען זיך דערלערנט די ספעציעלע כללים וואס זענען נוגע אין סינגאפור. די געזעצן אין לאנד זענען אויסטערליש שטרענג און עקסטרעם, עס איז א נארמאלער זאך אז פאר די נישטיגע פארלעצונג פון אראפווארפן א שטיקל שמוץ אין די גאס זאל מען ווערן באשטראפט אז דריי טעג אין א ציה דארף מען רייניגן די גאסן. נישט וועלענדיג אז מען זאל זיך פארטשעפענען האט מען זיך אויסגעלערנט די געזעצן און נאכ'ן זיין גוט באהאוואנט אין די געזעצן וויסנדיג וואס יא און וואס נישט - האט מען גרינטליך שטודירט די לאקאלע געזעצן און זיך געגרייט אהינצוגיין.

פון ווען מען האט געלאנדט אין לאנד זענען די ביזנעסלייט געווען פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט מיט די געשעפטן.


די הויכע וואלקנקראצער אין די שטאט סינגאפור

מען האט געשריבן די קאנטראקטן און די אדוואקאטן האבן אויסגעארבעט די לעצטע דעטאלן ביז ווען עס איז געווארן גרייט ביז צו איר לעצטער שטאפל.

די דעבאטעס זענען אנגעגאנגען פאר לאנגע שעה'ן און נאר נאך דעם וואס אלעס איז שוין געווען פארפולקאמט איז געקומען צוגיין דער לעצטער שטאפל ווען מען האט געדארפט אונטערשרייבן די קאנטראקט.

די קאנטראקט איז גע'חתמ'ט געווארן דורך דער אייגענטומער פון די פירמע, איינס פון די רייכסטע מענטשן אין סינגאפור.

אין די מערב וועלט איז מען צוגעוואוינט אז די אונטערשרייבונג איז א קורצער זאך. מען שרייבט אונטער און מען דרוקט זיך די הענט אבער אין די מזרח לענדער גייט עס נישט אזוי שנעל. זייענדיג צוגעוואוינט צו לעבן מיט אן אלטער קולטור ווערט די אונטערשריפטן באגלייט מיט א לאנגע רייע פון צערעמאניעס און אקטן און אויף יעדער איינס פון די שטאפלען מוז מען אריבערגיין, ווייל יעדער איינער פון זיי סימבאליזירט אן אנדערע אקט.

אויך צו דעם האט מען אנגעגרייט ר' משה. מען האט געלערנט מיט אים דער גאנצער סדר און גרייט געמאכט צו די לאנג דערווארטעטע רגע. נאך די לאנגע יגיעה איז דער לאנג דערווארטערטער טאג געקומען צוגיין. אין א הויכער געביידע פון גלאנציג און הערליכע אפיסעס זענען די מיטגלידער פון די דעלעגאציע געקומען צוגיין און זיך געגרייט צו דעם לאנג דערווארטעטן רגע.

אין שפיץ פון די א ו י ס ל ע נ ד י ש ע דעלעגאציע האט שפאצירט ר' משה. מיט זיין קאפל אויף זיין קאפ האט ער שפאצירט צו די אפיס. א רגע איידער ער האט דערגרייכט די טיר האט זיך דער מעקלער געוואנדן צו ר' משה מיט א ביטע.

„איך בעט דיר, נעם אראפ די שווארצע זאך וואס דו האסט אויף דיין קאפ. עס זעט אויס מאדנע. עס קען נאך אנמאכן א שלעכטע אויסווירקונג".

ערשטוינט פון די בקשה האט ר' משה קלארגעשטעלט אז דאס קומט נישט אין באטראכט.

„עס איז אשאד צו זיין איינגע'עקשנ'ט וועגן אזעלכע קלייניגקייטן. אט די קלייניגקייט קען נאך צוברענגען אז די גאנצע הארוואניע זאל גיין צוגרונד". האט דער פארמיטלער גע'טענה'ט אבער ר' משה האט אים דערקלערט אז דאס קומט נישט אין באטראכט.

און אנגעצויגנקייט האט געהערשט אין די לופט. דער לאקאלער פארמיטלער האט געדרוקט אבער זעענדיג די שטייפקייט וואס איז געווען אויסגעצויגן אויפ'ן געזיכט פון ר' משה האט ער פארשטאנען אז עס איז נישט דא מיטוועמען צוגיין צום טיש.

מיט א שטארקקייט האבן זיי אריינשפאצירט צו די באגעגעניש און דא האט פאסירט א וואונדערליכער זאך.

מער ווי הונדערט מענטשן זענען געזעסן ארום די טיש ווען פלוצלונג האט זיך דער ביליאנער זעענדיג דעם קאפל אויפ'ן קאפ פון ר' משה זיך געוואנדן צו אים. אין זיין האנט האט ער געהאלטן גלאז וואסער און עס אויסגעשטרעקט צו ר' משה.

„נו, מאך א ברכה, לאמיר ענטפערן אמן".

א שאקירטער האט ר' משה איבערגענומען די גלאז. מיט א הויכער קול האט ער געמאכט די ברכה : "ברוך אתה השם אלוקינו מלך העולם, שהכול נהיה בדברו". און דער ביליאנער האט געגטפערט הויך הילכיג: "אמן!"

מערערע גדאנקען האבן זיך אנגעהויבן דרייען ביי ר' משה אין קאפ. ווער ווייסט אפשר איז ער גאר א איד אבער דער ביליאנער האט אים נאך געהאט צו זאגן מערערע זאכן.

„ביסט געווען היינט אין שול?".

„יא".

„האסט באמערקט אז טראץ וואס די שול איז אשכנזיש דאוונט מען נוסח ספרד".

די מיסטעריע ביי ר' משה איז געווארן גרעסער.

א רגע דערויף האט דער ביליאנער אים געגעבן צו פארשטיין:

„אלץ קליין קינד בין איך געווען א יתום. מיינע עלטערן זענען געשטארבן. נישט האבנדיג קיין היים האט א רייכער איד מיר אדאפטירט. ניין! איך האב זיך נישט מגייר געווען אבער פון זיך דרייען אזויפיל צווישן אידן האב איך זיך עפעס דערלערנט".

פון דאן אן האבן זיך זאכן אנגעהויבן דרייען אויפ'ן גוטן ריכטונג, די שמועס איז געגאנגען אויפ'ן גוטן ריכטונג. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דווקא די עקשנות פון ר' משה צו בלייבן אידיש און מיט'ן קאפל אויפ'ן קאפ האט געטווישט די אטמאספער צום גוטענ'ס איבערדרייענדיג די דילל אויפ'ן גוטן ריכטונג.

'סימנא טבא' פרשת לך לך'

# דיני הפסקה בקריאת שמע וברכותיה

## דער דין פון איינער וואס האלט אינמיטן א פרק

**ווען איינער הערט אן אמן און ער האלט אינמיטן די ברכות פון ברכת קריאת שמע, אדער אינמיטן לייענען די פרשה פון שמע, אויב האלט ער אינמיטן א פרק, זאל ער נישט מפסיק זיין צו ענטפערן אמן, אויסער נאך די ברכות וואס דער חזן מאכט פון "הא-ל הקדוש" אדער פון 'שומע תפלה'[1]. אנדערע האלטן אז אויך אויף די ברכות זאל מען נישט נאכזאגן קיין אמן[2].**

1. דער דין ווערט געברענגט אין די רמ"א (סו ג). ער ברענגט עס אראפ בשם דער 'ירושלמי' ברכות (ד ו). אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין שלחן ערוך הרב (סו ה) און אין 'משנה ברורה' (שם כא). די סיבה פארוואס די אמן נאך "הא-ל הקדוש" איז חשובער ווי די אמן נאך אנדערע ברכות נעמט זיך פון דעם אז עס איז די ברכה פון הא-ל הקדוש מאכט א סיום אויף די דריי ערשטע ברכות אין שמונה עשרה. די זעלבע געדאנק איז אויך ביי די ברכה פון "שומע תפילה". אויך די ברכה פון 'שומע תפילה' איז דער סיום פון די מיטל'סטע ברכה. אויסערדעם איז 'שומע תפלה' אויך אויף א כללות'דיגע ברכה, עס גייט ארויף אויף אלע תפילות, מען בעט אז אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן. עס איז צוליב די צוויי טעמים אז די ברכה פון 'שומע תפילה' און איר אמן איז חשובער ווי די אנדערע אמנ'ס. ('בית יוסף' שם, בשם מהר"י אבוהב).

דער 'לבוש' (שם ב) אויפ'ן ארט ברענגט אראפ בשם א "יש אומרים" אז אויך אויף די ברכה פון "שים שלום" איז ספעציעל און אז מען זאל אויף איר מעג'ן ענטפערן אמן אינמיטן ברכת קריאת שמע, ווייל עס איז דער סיום התפילה. דאגעגן דער 'משנה ברורה' (שם) דארט נעמט נישט אן די דיעה, ער פסק'נט להלכה אז נאר אויף די ברכות פון "הא-ל הקדוש" און פון "שומע תפילה" זאל מען מפסיק זיין. א שיינער טעם פארוואס מען זאל נישט נאכזאגן אמן נאך די ברכה פון 'שים שלום', אפילו אז ער איז דער סיום התפילה ברענגט אראפ דער 'מגן אברהם' (שם ז) אויפ'ן ארט בשם דער בעל 'דברי חמודות' (ברכות ג נו), ווייל אפילו אויב מען וועט נישט ענטפערן אמן אויף די ברכה האט מען נישט מפסיד געווען דער אמן, ווייל ווען דער יחיד זאגט 'עושה שלום במרומיו' איז עס גערעכענט ווי דער 'אמן' נאך "שים שלום".

אבער דער 'מגן אברהם' אליינס נעמט נישט אן די טעם. ער ווייזט אן אז אין ירושלמי ווערט נישט געברענגט די דערמאנטע טעם אז די ברכות זענען חשוב'ער ווי די אנדערע ברכות. עס קען זיין אז צוליב אן אנדערע טעם האט מען מער מחשיב געווען די ברכות און יענער טעם איז נישט שייך ביי די ברכה פון "שים שלום".

אין ליכט פון די ווערטער פון דער בעל 'מגן אברהם' ברענגט אראפ דער 'שאל שלמה' אין זיין שו"ת (סי' ב) אז מען זאל נישט מפסיק זיין נאך די ברכה פון "מקדש השבת" ביי חזרת הש"ץ פון שבת ווען מען שטייט אינמיטן קריאת שמע, אפילו אז די ברכה איז די סיום פון די מיטל'סטע ברכות און אז כ'גיי מיט'ן יסוד אז אן אמן ביי א סיום הברכה איז חשובער ווי אנדערע ברכות וואלט עס געדארפט זיין ווי די ברכה פון '"שומע תפילה" ווייל כמבואר זאגט די 'מגן אברהם' אז נישט דאס איז דער טעם צו די חשיבות הברכה, נאר אז מיר ווייסן נישט די סיבה צו די חשיבות פון די צוויי ברכות.

אין שו"ת 'שבט הקהתי' (ח"ג סי' מט) האט ער אויך א שמועס וועגן דעם. דארט זאגט ער אז אפילו אויב מען זאל גיין נאך די טעם אז אן אמן ביי א סיום הברכה איז חשובער ווי א געווענליכע אמן איז נישט גילטיג לגבי די ברכה פון "מקדש השבת", ווייל שבת איז נישט דא קיין מיטל'סטע ברכות, אויסער די דריי ערשטע ברכות און די דריי לעצטע ברכות איז נאר דא די איינע ברכה פון "מקדש השבת" און עס איז אויך נישט דא קיין כללות'דיגע ברכה אויף קבלת התפלות ווי די ברכה פון "שומע תפילה" וועלכע מען זאגט נישט שבת, מילא האט עס אן אנדערע דין.

אויך אין ספר 'אשי ישראל' (פרק לב הערה סז) ברענגט ער אראפ בשם דער בעל 'דרך אמונה' אז ער האט געברענגט א ראיה פון א תוספות אין ברכות (כא ב ד"ה עד) אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה פון "מקדש השבת".

אין ספר 'נזירות שמשון' (שם על מג"א ס"ק ה) זאגט ער אז ווייל מען טרעפט אין זוה"ק (וילך רפה ב) אז פארפעלן אן אמן איז אזוי הארב זאל מען זיין געווארענט נישט אויסצולאזן קיין איין אמן, אפילו אז מען שטייט אינמיטן קריאת שמע און אינמיטן די ברכת קריאת שמע. אבער אין ספר 'לקט הקמח החדש' (שם יג) באצייכנט ער אז די כוונה פון זוהר הק' איז נאר ווען איינער הערט א ברכה און ער דארף ענטפערן אמן אין אן ארט וואו מען איז מחוייב מפסיק צו זיין. אין ספר 'דעת תורה' (סו ג) וועלכע ווערט אראפגעברענגט בשם דער 'תפארת מנחם' [לרבי מנחם מנדל שפרניק ראב"ד טיסמניץ] מאכט ער א חילוק וואו מען האלט. אויב מען האלט אין די ערשטע פרשה פון קריאת שמע זאל מען נישט מפסיק זיין ווייל דער חיות עס צו זאגן איז מן התורה, אבער ווען מען שטייט ביי אנדערע פרשה'ס ווי אינמיטן קריאת שמע קען ער יא נאכזאגן נאך אלע אמנ'ס וואס ער הערט פון דעם שליח ציבור.

2 דער 'בית יוסף' (שם) האלט אז אזוי ווי דער בבלי האט נישט געברענגט קיין חולק אויפ'ן ירושלמי זאל מען נישט מפסיק זיין צו די אמנ'ס. אזוי פסק'נט אויך דער 'בן איש חי' (פרשת שמות אות ו) און דער 'כף החיים' (שם כג).

**טייערער איד!**

דער של"ה הק' (מסכת תמיד אות פ) שרייבט מורא'דיגע ווערטער איבער ווער עס איז זוכה און איז מקפיד אויף יעדן אמן און פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער מיט אן איבערזעצונג אויף אידיש: "ווער עס האט אינזינען אז יעדע ברכה וואס ער הערט זאל זיין גענטפערט כדין און ער ענטפערט עס כדין איז גורם למעלה אסאך קדושה און איז משפיע שפע רב אין אלע עולמות ווייל די אמן עפענט אויף דער מקור העליון פון מים חיים און ווען מען זאגט אמן איז עס ווי דער איד עפענט אויף די ברונעם וואסער און גיסט אן יעדער איינער וואס דארף האבן שפע..."




**קוקט איר ארויס אויף א הצלחה?**

יעצט איז אייער צייט! ווילט איר אויך זיין פון די וואס נעמען אונטער און צייל'ן זיך אויף די מזכי הרבים - שליסט אייך אן אין די חבורה פון "גבאי אמן" וועלכע ווילן פולן אן די שול און זענען מעיד אז זיי זענען ישועות און ברכות אין זייער פריוואטער לעבן.

עס איז גרינג! די זכות איז גרויס און די זכות איז דיינער!

צו דערהאלטן אינפארמאציע מיט רייכע אינהאלט צו קענען דערוועקן אנדערע שליסט אייך אן אין די גרופע דורכ'ן אויפזוכן אויף 'נדרים' פלוס' די ווערטער 'בני אמונים' און אויספולן אויף איר אן אפליקאציע.

# רזי אמונים

## רמזים פון 'אמן' אין די וואכענדיגע פרשה

### יחוד ה' איז מונע מגיפה'ס

**"וַיָּשָׁב אַהֲרֹן אֶל מֹשֶׁה אֶל פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְהַמַּגֵּפָה נֶעֱצָרָה"** (יז טו)

עס דערציילט רבי יוסף גג פון די חכמי ורבני טוניזיע:

ווען עס האט אויסגעבראכן א מגיפה אין מיין שטאט האב איך געזאגט פאר די בני הקהילה אז מאכן א ייחוד פון די צוויי שמות הוי"ה ואדנות ביים דאווענען האט אין זיך דער כח אפצושטעלן א מגיפה.

דער געדאנק איז אויך מרומז אין די תפילה וואס מיר זאגן שני וחמישי ביי די תפילה פון 'והוא רחום'. דארטן זאגט מען "והסר ממנו מכת המות". די ראשי תיבות פון די ווערטער איז די גימטריא פון צ"א כמנין פון די צוויי שמות, אז ווען מען איז מייחד די צוויי שמות ווערט מקויים דער 'והסר ממנו מכת המות'.

מיר ווייסן שוין (זוהר פנחס רכט א) אז אמן איז אויך צ"א ווייל עס איז כמנין די שמות הוי"ה ואדנות.

לויט דעם יסוד שטימט אויך וואס חז"ל זאגן (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מהמברך" ווייל ווען מען זאגט א שם דערמאנט מען נאר איין שם אבער ווען מען זאגט 'אמן' איז מען מייחד צוויי שמות אין די זעלבע צייט.

ע"פ הגש"פ 'פי המדבר' [ליוורנו תרי"ד] ד"ה הללו את ה'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### רבי חיים משה מאנדל

#### ד' תמוז תשנ"ו



דער רבי חיים משה מאנדל זצ"ל

דער צדיק רבי חיים משה מאנדל איז געבוירן געווארן אין די שטאט ביסטריץ אין רומעניע אין די יאר יאר תרס"ה, צו זיין פאטער רבי מאיר יוסף מאנדעל, וועלכער איז געווען בארימט אלץ א גדול בתורה און אן אויסגערופענער עובד ה'.

פון זיינע פריע יונגע יארן איז ער געזעסן און געהארוועט אויף תורה. אלע זיינע באקאנטע האבן מעיד געווען אויף אים אז ער איז ספעציעל און דערהויבן. נאך די בר מצוה איז ער געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון דער ביסטריצער רב הגאון רבי שלמה זלמן אולמאן זצ"ל. אין די זעלבע צייט האט ער אויך קונה געווען תורה פון איינער פון די חשובער דיינים אין שטאט הגאון רבי עזריאל באדנער זצ"ל. אלע זיינע יארן האט ער געזען אין דעם דיין ז"ל זיין רבו מובהק. ווען ער איז אונטערגעוואקסן האט אים זיין טאטע געשיקט לערנען ביים קרן לדוד אין די שטאט סאטמאר. פון דארט איז ער געפארן צו די סעקעלהידער ישיבה פון הגה"צ רבי יהודה סגל ראזנער זצ"ל הי"ד דער בעל 'אמרי יהודה'.

נאך אין די בחורישע יארן האט ער געהאט א געוואלדיגע שליטה אין ש"ס און אין שלחן ערוך און ער האט אויך אנגעהויבן עוסק זיין אין יענע יארן בתורת הסוד.

אנקומענדיג צו די חתונה יארן איז ער געווארן אן איידעם ביי רבי ישראל גאלדמאן זצ"ל דער דיין פון די שטאט גראסווארדיין. נאך די חתונה האט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער און ממשיך געווען צו לערנען תורה בהתמדה רבה. נאך עטליכע יאר האט ער אויך אנגעהויבן צודינען אלץ דיין אין די שטאט. דורכאויס די צווייטע וועלט קריג האט מען אים פארשיקט צו אן ארבעטס לאגער אין רומעניע. דארט איז ער אריבער שווערע צייטן און זיך ביטערליך געמוטשעט ליידענדיג שווערע יסורים, פון וועלכע ער האט זיך קיינמאל נישט ערהוילט.

אין יאר תש"ט האט ער פארלאזט אייראפע און זיך באזעצט אין ארץ ישראל. אין די ערשטע שטיק צייט האט ער געוואוינט אין די שטאט צפת, שפעטער איז ער אריבער קיין בני ברק.

אין בני ברק האבן זיך איינגעזאמלט ארום אים א קליינע קבוצה פון קריג איבערלעבער וועלכע האבן געטראפן טרייסט און חיות אין זיין סביבה.

אויף א קינסטליכער וועג האט ער אלע זיינע יארן באהאלטן זיין גדלות, אבער אין די לעצטע דרייצן יאר פון זיין לעבן איז ער נתפרסם געווארן אלץ איש פלא און טויזנטער האבן געשטראמט צו אים און נהנה געווען פון זיינע עצות און געהאלפן געווארן פון זיינע ברכות.

ער איז נסתלק געווארן ליל שישי ערש"ק פרשת חוקת - ד' תמוז.

מען האט אים געלייגט אין הר המנוחות אין ירושלים.

### מעורר געווען דעם ציבור צו ענטפערן 'אמן' כהלכה

אויף א שטארקער פארנעם האט דער צדיק רבי חיים משה מאנדל מעורר געווען די מתפללים אין זיין שול אז מען זאל נאכזאגן אמן נאך א ברכה כהלכה. יעדע מאל ווען איינער האט געמאכט א ברכה אין זיין שול פלעגט ער אליין ענטפערן הויך אמן, אז די ארומיגע זאלן זיך דערוועקן און מיטענטפערן מיט אים אמן נאך די ברכה כהלכה. ('הראה לעניו' עמ' 181).

### אמן על ברכות הגאולה

פון די קדמונים (ראה 'דרך משה' ליום יא) זאגט מען נאך אז די גאולה האלט זיך צוריק ווייל עס איז דא אסאך אידן וואס זענען מזלזל אין נאכזאגן אמן נאך די ברכות וואס מען בעט ביי זיי אויף די גאולה ווי די ברכה'ס פון "המחזיר שכינתו לציון" ווייל זיי איילן זיך צו זאגן מודים דרבנן אדער נאך די ברכה פון "הפורש סוכת שלום" ווייל גלייך נאך איר זאגט מען נאך "ושמרו".

ביי יעדע אמן וואס הרב מאנדל האט נאכגעזאגט האט די שול געקלינגען פון איר, אבער ביתר שאת איז עס געווען ביי די ברכות, אז די ווענט אין שול האבן געדונערט ביי די אמן. אויך ביי איר האט ער געהאט די דערמאנטע כוונה וועלנדיג מעורר זיין די ארומיגע איבער די גרויסקייט פון נאכזאגן אמן דייקא נאך די ברכה'ס ווייל עס איז מקרב די גאולה. ('הראה לעניו' שם).

### די בקשה וואס איז נתפרסם געווארן בשמו

נישט נאר די מתפללים האט ער מעורר געווארן אז זיי זאלן זיך צופלייסן ווען עס קומט צו אמן. אויך די שליחי ציבור פלעגט ער כסדר מעורר זיין דערוועגן. ער פלעגט זיך בעטן ביי זיי אז ווען זיי לאזן אויס די ברכה פון "המחזיר שכינתו לציון" זאלן זיי נישט אנהייבן גלייך מודים, אז דער ציבור זאל קענען נאכזאגן נאך איר 'אמן'.

ער האט עס געפאדערט פון די בעלי תפילה און עס געהייסן מפרסם זיין ביי אנדערע. אין א בריוו וואס עס איז ערשינען אין די (קובץ 'צהר' ח"ו, עמ' שצח)ליינט זיך דארט ווי פאלגענד:

"איך בין געבעטן געווארן דורך הרה"צ רבי חיים משה מאנדל זצוק"ל מפרסם צו זיין ברבים אז די בעלי תפילה זאלן מקפיד זיין צו ווארטן אביסל נאכ'ן אויסלאזן די ברכה פון 'המחזיר שכינתו לציון' אז דער ציבור זאלן קענען נאכזאגן אמן נאך די ברכה איידער מען הייבט אן צו זאגן 'מודים'. די אמן דארף א באזונדערע אויפמערקזאמקייט ווייל עס איז דא וואס ענטפערן בכלל נישט קיין אמן נאר זאגן גלייך נאך אמן און עס איז דא אזעלכע וואס כאפן ארייןביידע אינאיינמאל אז עס קומט אויס אז זיי זאגן: "אמן מודים אנחנו לך" און הלכה'דיג דארף מען מאכן א הפסק. (כמבואר ב'משנה ברורה קכד כה).